א. היינטיקע פרשה פאנגט זיך אן מיט אחרי מות שני בני אהרן, וואס וועגן מיתת בני אהרן דערציילט זיך צוויי מאל אין דער תורה, איין מאל פריער אין פ' שמיני, און א צווייטער מאל אין די פרשה אחרי מות.

תורה איז דאך מלשון הוראה, וואס דערפאר איז יעדער ענין אין תורה א הוראה בנוגע לפועל. אין עס אויך אזוי בענין זה, ובפרט אז עס איז אזא הוראה וואס שטייט ארויס בפירוש אין תושב"כ, דאס הייסט, ניט נאר ווי בכמה ענינים, וואס די הוראה שטייט אין תושבע"פ און אין תושבע"פ גופא איז פאראן אמאל ווען די הוראה שטייט אין דעם וואס נתגלה לאחרונה, ווארום עס איז דאך פאראן גליא שבתורה, ווי משנה וגמרא, און עס איז פאראן דאס וואס ווערט נתגלה אין תורת החסידות, ולפני זה אין תורת הקבלה. דא אבער שטייט די הוראה בפירוש אין תורה שבכתב, ובמילא איז דאך פארשטאנדיק אז די הוראה איז שייך אפילו צו דעם וואס לערנט בלויז פשטות הכתובים, א בן חמש למקרא.

אין די הוראה וואס עס שטייט אין תורה שבכתב איז פאראן א חילוק צווישן די הוראה פון פ' שמיני (און התחלת פרשת אחרי) מיט די הוראה אין פ' אחרי מות.

אין פ' שמיני איז די הוראה אז יין ושכר אל תשת בבואכם גו', ווי רש"י (י,ב) זאגט אז שתויי יין נכנסו למקדש, און דערפאר שטייט גלייך נאך דעם יין ושכר אל תשת. און די הוראה פון התחלת פ' אחרי איז ואל יבוא בכל עת אל הקודש וגו'.

און אין די הוראות גלייכן זיך אויס ביידע פרשיות מיט דעם וואס דאס זיינען הוראות וואס זיינען ניט שייך לכאו"א, דאס איז בלויז פאר א סוג מיוחד אין אידן. ווארום דער ענין פון יין ושכר וכו' איז שייך בלויז פאר כהנים וועלכע גייען אריין אין ביהמ"ק, און די הוראה פון ואל יבוא בכל עת איז אויך שייך בלויז פאר כהנים.

אעפ"י אז פון דעם ענין פון יין ושכר אל תשת לערנט מען אפ אויך אז מ'טאר ניט פסק'נען א דין בשעת מ'טרינקט יין ושכר כו', ווייל חכמים בהוראתם דארפן זיין בדעה צלולה דוקא, און דאס איז דאך שייך צו אלע אידן,

- אעפ"י אז אויך דאס האט א ספעציעלע שייכות צו כהנים, ווארום זיי זיינען אט די וואס יורו משפטיך ליעקב וגו', פונדעסט-וועגן איז דאס אבער אויך שייך לכל ישראל, ואדרבה בעיקר זיינען די מורי הוראה פון שבט יששכר און פון שבט יהודא -

פונדעסטוועגן איז דאך אבער די הוראה בלויז פאר א סוג מיוחד אין אידן, צו די וועלכע הגיעו לכלל הוראה, אבער סתם אידן האבן דערפון ניט קיין שום הוראה.

דערנאך איז אבער פאראן נאך א ענין אין פרשת אחרי וואס קומט ארויס ממיתת בני אהרן, וואס דער ענין איז יא שייך לכל או"א, און ניט בלויז פאר א סוג מיוחד. און דאס איז וואס עס שטייט בסיום הענין בנוגע ליום הכיפורים, כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו', אז מ'פועל'ט א כפרה לכל ישראל, וואס דער ענין איז דאך ניט בלויז פאר א סוג מיוחד, נאר דאס איז נוגע לכל אחד ואחת מישראל.

און דער ענין איז באופן של "חוקת עולם", דאס איז פאר שטענדיק, ווארום דאס איז א ענין נצחי, און ניט סתם נצחי ווי כל התורה

התורה איז א נצחי, כמבואר בתניא, וואָרום בכל התורה זיינען פאראן ענינים וועלכע בגלוי זיינען זיי תלוי אין זמן ומקום ע"ד ווי הקרבת קרבנות וכו׳, און די נצחיות שבהם איז בהעלם וכו׳, משא"כ אבער ענין דיוהכ"פ איז א ענין נצחי בגלוי, און איז ניט תלוי אין זמן ומקום, וואס דערפאר זיינען די ה׳ עינויים וכו׳ פאראן אויך בזה"ז, בזמן שאין ביהמ"ק קיים.

וויבאלד אז דער חילוק צווישן די הוראה מיט די אנדערע הוראות איז א חילוק גלוי, ומובן בפשטות הנפק"מ שביניהם, מוז מען זאגן אז אויך דער ביאור, פארוואס די הוראה וואס איז לכאו"א שטייט ערשט אין פ׳ אחרי, איז אויך א ביאור גלוי

והביאור בזה: וואס שטייט צווישן פרשת שמיני און פרשת אחרי - איז דאך ווי רש"י זאגט בהתחלת פרשת תזריע, אמר ר׳ שמלאי כשם שיצי־רתו של אדם אחר כל בהמה חי׳ ועוף במעשה בראשית, כך תורתו נתפרשה אחר תורת בהמה חי׳ ועוף, וואָרום בסיום פרשת שמיני רעדט זיך וועגן די בהמות חיות ועופות אשר יאכל ואשר לא תאכל וכו׳, און דערנאך אין פרשת תזו"מ רעדט זיך תורת אדם.

וואס קריגט מען ארויס דערפון, אז צווישן די הוראה פון פרשת שמיני און די הוראה פון פרשת אחרי, איז פאראן ענין התורה - תורת בהמה חי׳ ועוף און תורת אדם.

ועפי"ז יובן הנ"ל ובהקדים החילוק צווישן דעם ענין פון כהונה ביז דעם ענין פון יוהכ"פ וואס איז נוגע צו כל ישראל. כהונה איז א ענין וואס קומט מלמעלמ"ט, און איז ניט תלוי בעבודת האדם, ווי עס שטייט ויבדל אהרן להקדישו קודש קדשים וגו׳, דאס איז א ענין וואס דער אויבערשטער האט געטאן - עס קומט מלמעלה למטה,

עס איז נאר וואס וויבאלד אין יעדער ענין דארף זיין בחירה, קען זיין אז א כהן זאל ווערן חולין, שזהו"ע כהן חלל (ווי גערעדט אמאל בארוכה אז דער ענין פון חלל איז שנעשה חולין). דאס איז אבער בלויז מצד בחירה, עיקר ענין הכהונה אבער נעמט זיך מלמעלה, וואס דערפאר אפילו אויב נעשה חולין, בלייבט ער א כהן לגבי כמה וכמה ענינים, און אינגאנצן קען ער זיך ניט אויסטאן פון כהונה, וויבאלד אז עיקרו נעמט זיך מלמעלה.

משא"כ אבער דער ענין פון יוהכ"פ, וואס איז אחת בשנה, אויף דעם דארף זיין עבודה. ואפילו לדעת רבי אז עיצומו של יום מכפר, אן עבודת התשובה, איז דאך אויך ער מודה אז אויף כרת דיומא איז יוהכ"פ ניט מכפר (כמדובר באחש"פ), וואָרום אויף דעם דארף זיין ענין העבודה, און דאס זיינען די ה׳ עינויים וכו׳, מיט די אלע ענינים וועלכע זיינען פאראן ביוהכ"פ, וועלכע ווערן אויסגערעכנט בפרשה זו.

און דאס איז דער ביאור פארוואס די הוראה וואס שטייט אין פ׳ שמיני איז א הדראה בלויז לכהנים, וואָרום דאס שטייט דאך פאר תורתם של בהמות חיות ועופות ותורתו של האדם, פאר דעם ווי תורה גיט א כח אויף מברר זיין וועלט, ס׳יי בנוגע לבהמה וכו׳ אשר יאכל וכו׳, און ס׳יי בנוגע להאדם עצמו, ובמילא וויבאלד אז דאס איז נאך פאר נתינת הכח של התורה, איז פאר דעם שייך א הדראה בלויז צו כהנים, וואס ענין הכהונה איז ניט פארבונדן מיט עבודה, כנ"ל.

משא"כ

משא"כ אבער לאחרי סיום פרשת שמיני ופרשת תזו"מ, לאחרי זה וואס תורה גיט א כח אז א איד זאל מברר זיין זיך און מברר זיין וועלט, דעמאלט ערשט קען קומען די הוראה לכל ישראל, וויבאלד אז זיי דארפן האבן א כח פון תורה לברר העולם, ווארום דער ענין פון אידן איז פאר-בונדן מיט עבודה, אעפ"י אז עס שטייט (ויקרא כ,כו) ואבדל אתכם מן העמים וגו', איז דאך דאס אויך א ענין וועלכער קומט מלמעלה, פונדעסט-וועגן אבער טייטשט דאך רש"י אפ, אז דאס איז פארבונדן מיט קיום התומ"צ, מיט עבודה דוקא.

תורה איז דאך כללית ופרטית נאמרה, און עס איז דאך זאת תורת האדם, אז א אדם איז בדוגמת התורה, איז דערפון פארשטאנדיק, אז אויך די ענינים פון אידן - אתם קרויים אדם - וואס זיי טיילן זיך אין די דריי סוגים כהנים לויים וישראלים, זיינען דא בדרך כלל און בדרך פרט: ס'איז פאראן דער כהן לוי וישראל אין כלל ישראל, און פאראן דער כהן לוי וישראל וואס ביי יעדער אידן בפרט.

דער ענין פון כהן בכאו"א, איז דאס ווי דער רמב"ם (פי"ג מהל' שמיטה ויובל הי"ג) זאגט, ולא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש וכו' אשר נדבה רוחו וכו' לעמוד לפני ה' לשרתו כו' ויהי' ה' חלקו ונחלתו וכו', ביז אז דאס קומט אויך ארויס אין פועל ממש, אז ער דארף ניט דאגה'נען פאר זיין פרנסה בגשמיות, ווארום ויזכה לו בעה"ז דבר המספיק לו, וואס דאס איז דער ענין אז מ'גיט זיך אוועק צו תורה, און דאס איז ענין הכהונה ווי עס איז שייך לכאו"א.

דער ענין פון ישראל שבכאו"א איז דאס דער ענין פון הנהג בהם מנהג דרך ארץ, ווי ער האט צוטאן מיט עניני העולם, ובכל דרכיך דעהו אז מען איז מברר וועלט.

וואס אט דער ענין איז פאראן בכל אחד ואחד, און אפילו א כהן האט אויך דעם ענין פון מברר זיין וועלט.

דערנאך איז אויך פאראן ענין דלוי בכאו"א, שהו"ע הממוצע בין כהן וישראל, ווארום עניננו איז מלשון וילוו עליך וישרתוך, אז עס קומט צו א הוספה ולוי' וכו', ד.ה. אז מ'איז מוסיף א ענין צום כהן, שהו"ע דלימוד ע"מ לעשות, לימוד המביא לידי מעשה, אז דער לימוד איז ווי ער זאל זיך אויפפירן אין וועלט.

וואס פון דעם איז מובן, אז די הוראה וואס אין פרשת שמיני (און התחלת פרשת אחרי) איז פאר די אידן וועלכע גיבן זיך אוועק אינ-גאנצן אויף תורה - בחי' כהן שבכ"א מישראל, און די הוראה פון פרשת אחרי איז פאר די אידן וואס זייער עבודה איז בכל דרכיך דעהו - בחי' ישראל שבכ"א.

די הוראה פון ענין מיתת שני בני אהרן פאר די אידן וואס כל עניניהם איז לימוד התורה איז, יין ושכר אל תשת וגו' און ואל יבוא בכל עת וגו', ווארום מ'קען טראכטן אז וויבאלד ער לערנט תורה, שהו"ע שלמעלה מן העולמות, במילא זאל ער זיך אינגאנצן אפזאגן פון וועלט, ער זאל אויסגיין מיט א רצוא צו אלקות, ודוקא למעלה וועט ער קענען האבן אמיתית ענין התורה,

דערפאר איז די הוראה אז ואל יבוא בכל עת אל הקודש וגו' און יין ושכר אל תשת וגו', אז די כוונה איז מ'זאל זיין דא למטה דוקא, און דוקא למטה קען מען באקומען אמיתית ענין התורה,

ווארום

וואָרום תורה לא בשמים היא, וכמבואר באגה"ק (סי' כו), אז ענין החידושים אין תורה איז דאָס שייך למטה דוקא, ולכן באים העליונים לשמוע חדושי תורה מהתחתונים. און דאָס איז ניט בלויז בנוגע לגליא שבתורה, וואָס דאָס לייגט זיך עפ"י פשטות אז ענינה איז למטה, וויבאלד אז למעלה ווייסט מען ניט וועגן ענינים פון עוה"ז וכו', במילא מוז מען קומען למטה דוקא, נאָר אפילו אויף רזין דאורייתא, ביז רזין דרזין, וואָס דאָס ווייסט מען לכאורה למעלה, איז אויך דאָס קומט מען הערן למטה.

ווי די גמרא זאָגט אז קמיפלגי במתיבתא דרקיע בנוגע לנגעים וכו', און די גמרא פירט אויס מאַן נוכח רבה בר נחמני, אז דוקא א נשמה בגוף איז דער נוכח, ומבואר בלקו"ת אז די מחלוקת רעדט זיך אויך וועגן רזין דרזין וכו', האָט מען דאָס געקענט הערן דוקא פון רבה בר נחמני, ודאָס ער איז א נשמה אין א גוף דא למטה.

וכמבואר במאמר ההילולא אויף היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני, אז אלע מלאכים מיט נשמות הצדיקים קומען אראָפ מלמעלה הערן ווי אידן לערנען תורה.

וזהו ההוראה אז עס זאָל ניט זיין בקרבתם לפני ה' וימותו, נאָר עס מוז זיין דער שוב למטה, וואָרום עיקר ענין התורה איז למטה דוקא.

די הוראה פון ענין מיתת שני בני אהרן פאַר די וואָס זייער עבודה איז הנהג בהם מנהג דרך ארץ, איז, אז זיי זאָלן ניט מיינען, אז וויבאלד זיי האָבן צוטאָן מיט עניני עולם ובמילא האָבן זיי גרויסע נסיונות, וואָס זיי האָבן מורא אז זיי וועלן ניט קענען ביישטיין די נסיונות. קענען זיי דאָך מיינען, אז מצד דעם זאָלן זיי מעגן שטיין אין א רצוא, די תנועה פון "בקרבתם לפני הוי' גו'",

– מילא א יושב אוהל, וויבאלד אז אפילו ווען ער שטייט אין דער תנועה פון שוב, ער געפינט זיך למטה, האָט ער צוטאָן בלויז מיט תורה, איז פאַרשטאַנדיק אז ביי אים דאַרף ניט זיין דער "בקרבתם", וויבאלד אז אויך אין די תנועה פון שוב איז ניטאָ קיין חשש כו', וואָרום ער האָט דאָך ניט די נסיונות פון עולם. בעת עס רעדט זיך אָבער וועגן בעלי עסקים, וואָס זיי האָבן נסיונות כו' ובמילא איז דא א חשש אז זיי זאָלן דורכפאַלן ח"ו, קען מען דאָך מיינען, אז ס'איז שוין בעסער עס זאָל זיין דער "בקרבתם" –

אויף דעם איז דא א ספּעציעלע הוראה פון מיתת שני בני אהרן אין פּרשת אחרי, אז אויך ביי די בעלי עסקים טאָר ניט זיין דער "בקרבתם", אי וואָס זיי טענה'ן, אז וויבאלד זיי געפינען זיך אין וועלט, איך ווי אזוי קענען זיי ביישטיין די נסיונות? – אויף דעם זאָגט מען, אז די הוראה (אז עס דאַרף זיין "שוב") צו בעלי עסקים, קומט ערשט אין פּרשת אחרי, נאָך תורת הבהמה כו' און תורת האדם. און וויבאלד אז עס קומט נאָך תורה, וואָס תורה גיט דעם כח אויף מברר זיין וועלט, האָט ער בכח ביישטיין די נסיונות, און האָט ניט וואָס צו מורא האָבן כו'.

(חסר קצת) און יוהכ"פ פועל'ט אויף דעם לכפּר עליכם וכו' וואָס דאָס איז דער ענין פון בעלי תשובה, און ווי עס שטייט אין רמב"ם וועגט ער דעמאָלט א חביב ומרוצה נאָך מערער ווי פריער, ובמקום שבעלי תשובה עומדים וכו', וואָרום ניט בלויז וואָס עס בלייבט ניט איבער קיין רשימו פון פריער, נאָר עס קומט צו נאָך מער ווי פריער, ביז אז כשישראל עושים תשובה מיד הן נגאלים, בביאת משיח צדקנו.

ב.



הנחת הת' בלתי מוגה

ב. כל הנ"ל איז א הוראה פון מיתת בני אהרן אין א אופן פון שלילה, אז עס זאל ניט זיין דער ענין פון בקרבתם לפני הוי' וימותו, נאר די כוונה איז למטה דוקא.

באמת אבער איז פארשטאנדיק אז עס איז אויך פאראן א הוראה וואס מ'זאל זיך יא אפלערנען פון די בני אהרן, ווארום עס איז מובן גודל מעלתם של שני בני אהרן, ווארום זיי זיינען דאך געווען בני אהרן, און נדב איז געווען דער בכור פון אהרן און דער בכור פון אשת אהרן, איז דאך פארשטאנדיק גודל מעלתם.

און ווי רש"י (י,ג) ברענגט איך פשטות הכתובים אויף בקרובי אקדש, אז נורא אלקים ממקדשיך גייט אויף ב' בני אהרן, וא"ת ממקדשיך נאר ממקודשיך, ביז אז משה האט געזאגט צו אהרן הייתי סבור או בי או בך, לפועל איז דאס געווען די ב' בני אהרן - עכשיו רואה אני שהם גדולים ממני וממך.

וואס עפ"ז איז אויך מובן אז דאס וואס שטייט אין ויק"ר אז אמרו מתי ימותו שני זקנים הללו וכו', איז ניט אז זיי האבן סתם אזוי דאס געזאגט, נאר אזוי האט געדאפט זיין, ווארום זיי זיינען טאקע געשטאנען אין א הויכע דרגא, ביז אז בשעת זיי האבן געוואלט מקטיר זיין קטורת האט זיי משה ניט געשטערט.

זעט מען דאך גודל מעלתן של בני אהרן, און אויך אין דעם ענין גופא, שכנ"ל האט משה דאך זיי ניט געשטערט, ביז אז מ'האט געזאגט אויף דעם בקרובי אקדש, און משה וואס מדתו איז דאך מדת האמת, האט געזאגט אז דאס זיינען די ב' בני אהרן, והם גדולים ממני וכו'.

און דאס איז ניט געווען א קס"ד, נאר דאס איז אזוי לפועל אין מסקנא, אז בקרובי אקדש גייט אויף ב' בני אהרן. אדרבה, די קס"ד איז געווען אז דאס מיינט מען משה און אהרן, און די מסקנא איז אז דאס מיינט מען ב' בני אהרן.

מוז מען זאגן אז עס איז אויך פאראן א הוראה וואס מ'זאל זיך יא אפלערנען פון די שני בני אהרן.

איז די הסברה אין דעם: בשעת מען דארף אנשרעקן וועלט, בשעת עס דארף זיין נורא אלקים, מ'דארף פועל'ן ענין הנורא, דעמאלט קען מען דאס פועל'ן דוקא דורך די עבודה פון בני אהרן, דורך ארויסגיין פון וועלט.

און דאס איז ניט קיין סתירה צו דעם וואס עס שטייט אין חסידות אז עס דארף זיין דער ענין פון יצא בשלום וכו', און אויב ניט איז עס א הסרון, און דא זעט מען אז דאס האט א מעלה, ביז אז משה האט דערצו מסכים געווען,

ובהקדים דאס וואס עס איז ידוע בנוגע להב"י אז מ'האט אים צוגעזאגט אלס שכר לעבודתו אז ער וועט זוכה זיין צו יתוקד על קדושא שמי' רבא, נאר שפעטער, וויבאלד ער האט ניט דערטאן עבודתו בשלימות, האט ער צו דעם ניט זוכה געווען און ער איז געבליבן בחייו לאריכות ימים.

פרעגט מען אויף דעם, אז וויבאלד אין די יארן וואס ער איז געבליבן בחיים חיותו האט ער געשריבן דעם שולחן ערוך וואס איז א

הוראה

הוראה לכלל ישראל לכל הדורות, עד סוף כל הדורות, איז דאך לכאורה בעסער אז ער איז ניט אומגעקומען על קידוש השם.

נאר דערפון איז פארשטאנדיק אז דער ענין פון קידוש השם איז נאך גרעסער אפילו פון מחבר זיין דעם שו"ע, ווארום מען זאגט דאך אז ער האט ניט זוכה געווען צו קידוש השם, במילא איז ער געבליבן לעבן און האט געשריבן דעם שו"ע; אעפ"י אז דער שו"ע איז דאך ניט נאר סתם תורה, נאר הלכה למעשה וואס המעשה הוא העיקר, וואס אזוי איז דאס איצטער, וכ"ש בזמן ביאת המשיח וועט זיכער מעשה זיין העיקר, פונדעסט-וועגן זאגט מען אז דאס איז געווען א עונש, איז דאך פארשטאנדיק אז דער ענין פון קידוש השם איז גרעסער אפילו פון ענין השו"ע וכו', וואס דא זעט מען די מעלה אין בקרבתם לפני הוי'.

ולכאורה ווי שטימט דאס טאקע עם המבואר בכמה וכמה מקומות, אז דאס איז א חסרון וכו'?

איז דער ביאור אין דעם, ע"ד ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ת אז עס איז פאראן א חילוק אויב עס איז ופקדתי בשבט פשעם, בשעה עס נעמט זיך פון ופקדתי, מלמעלה, אדער דאס קלייבט מען אליין אויס, בשעת עס איז ופקדתי מלמעלה, דעמאלט האט דאס א מעלה וכו', און עס איז א גוואלדיקער ענין, בשעת אבער ער אליין קלייבט דאס אויס, דעמאלט איז דאס א חסרון, ווארום לא לתוהו בראה לשבת יצרה.

ועד"ז ביי בני אהרן - עצם הענין פון בקרבתם לפני הוי' איז דאס א גוואלדיקער ענין, דער חסרון איז אבער געווען אין דערויף וואס זיי אליין האבן דאס אויסגעקליבן, און עס איז ניט געווען מלמעלה.

דאס איז אויך פארבונדן מיט ל"ג בעומר, וואס ל"ג בעומר איז דאך הילולת הרשב"י, וואס פאר זיין הסתלקות האט ער געזאגט בחד קטירא אתקטרנא, בי' אחידא בי' להיטא, שהו"ע דמסירת נפש, אויסגיין צו אלקות, און אין אן אופן פון בי' להיטא, בדוגמת הענין בהב"י וואס עס האט גע-דארפט זיין יהוקד על קדושת שמו.

און דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם אנדער ענין פון ל"ג בעומר, בנוגע תלמידי ר"ע, וואס מתו בימים אלו מצד שלא נהגו כבוד זה בזה, שמובן אז דאס מיינט מען ניט בפשטות, ווארום דאס זיינען דאך געווען תלמידיו של ר"ע, און עס איז ניט דער פירוש אז לאחר מיתתם זיינען זיי געווארן אויס תלמידיו, ווארום אויך איצטער רופט מען זיי אן בשם תלמידיו של ר"ע, ועד רגע האחרון זיינען זיי געווען זייערע תלמידים. ואדרבה, כל ענינם איז וואס זיי זיינען תלמידי ר"ע. וואס דערפאר איז ניטא קיין אנדער סימן ווי זייער אנצורופן, ניט מיטן נאמען או שם אביהם אדער זייער שבט, נאר מיטן נאמען תלמידיו של ר"ע, און אויף זיי זאגט די גמרא (יבמות סב, ב) שטייט בבקר זרע את זרעך, זיינען זיי דאך "זרעך" של ר"ע,

איז דאך מובן גודל ההפלאה שבהם, מוז מען זאגן אז דאס וואס לא נהגו כבוד זה בזה, איז דאס ניט כפשוטו, נאר דאס מיינט אז זייער הנהגה איז געווען בדוגמת ספי' דתוהו, וואס אין ספי' דתוהו איז דאך אז איין ספירה גיט ניט א מקום פאר'ן צווייטן, און כ"ז עס איז ניט וימת קען ניט זיין א מציאות פאר א צווייטן, און דוקא בשעת עס איז פאראן וימת, דעמאלט קען זיין וימלוך, א מציאות פאר א צווייטן.

און

און דא מיינט מען ניט די ספי׳ דתוהו ווי זיי זיינען לאחר השבירה, נאר דאס מיינט ווי זיי זיינען קודם השבירה, אין קדושה, און מצד דערויף איז ארויסגעקומען אז לא נהגו כבוד זה בזה.

אעפ"כ זאגט מען אז ניט אין דעם באשטייט עיקר ענינו של ר"ע, ווארום ענינו של ר"ע איז ווי די גמרא זאגט, וכולהו אליבא דר"ע, שענינו הוא תורה שבעל פה, וואס תושבע"פ איז תיקון, פארבונדן מיט וועלט, איז דאך זיין ענין היפוך פון תוהו וכו׳, ואדרבה דוקא למטה.

עס איז אבער דא א מעלה אין די הנהגה פון תלמידי ר"ע, ווי מ׳זעט אז דוקא אויף זיי זאגט מען בבוקר זרע את זרעך, ווארום עיקר האור איז געווען ביי זיי, וואס דאס איז ענין הבוקר, תוקף האור, אורות מרובים דתוהו, און אויף די ה׳ תלמידים וועלכע זיינען איבערגעבליבן, אויף זיי זאגט מען נאר בערב אל תנח ידך, ד.ה. זיי זיינען באופן של ערב, מיעוט האור; און אויך איז בבוקר זרע את זרעך בלשון ציווי, און בערב אל תנח ידך איז נאר וואס מ׳איז מרבה אז אויך בערב אל תנח ידך.

אבער כנ"ל איז דער עיקר דער בערב אל תנח ידך, אז מען דארף דאס ממשיך זיין אין כלים דתיקון, און דעמאלט פירט זיך אויס די כוונה אז כולהו אליבא דר"ע, ביז אז ממנו הושתת העולם.

ובדוגמת ווי עס איז געווען ביי בני אהרן אז דוקא פון בניו הנותרים זיינען ארויסגעקומען אלע כהנים, ע"ד ווי ביי תלמידי ר׳ עקיבא.

און דא קומט ארויס די הוראה בהוספה על הנ"ל, אז אמת טאקע מען דארף ארויסלערנען אז עס זאל ניט זיין בקרבתם לפני הוי׳, פונדעסטוועגן אבער די התחלה דארף יא זיין מיט א ענין פון בקרבתם, און ווי מען זעט דאס בכל יום ויום, אז די התחלה של היום איז אז מען זאגט מודה אני - הודאה, און דערנאך דארף זיין ענין התפלה, ואח"כ ענין התורה, ווי עס שטייט מביהכנ"ס לביהמ"ד, און פארן דאווענען טאר ניט זיין קיין אנדערע ענינים, מ׳טאר ניט עסן און טרינקען פארן דאווענען ושאר עניני העולם, און ערשט נאך דעם דאווענען קען זיין הנהג בהם מנהג דרך ארץ, טאן אין וועלט, די התחלה אבער פאנגט זיך ניט אן אזוי.

ובדוגמא כנ"ל, אז פריער איז פאראן עבודה בבחי׳ תוהו, כ"ד אלף תלמידי ר׳ עקיבא, און דערנאך קומט ערשט ענין התיקון - די אנדערע פינף תלמידים.

פונדעסטוועגן אבער אפילו בהתחלה, דארף אויך זיין דער נכנס בשלום בכדי אויף לצאת בשלום, וואס דערפאר איז אפילו אין שמו"ע וואו מ׳שטייט כעבדא קמי׳ מרי׳, איז פאראן דער ענין פון בקשת צרכיו, ווארום אפילו דעמאלט דארף ער וויסן אז די כוונה איז ער זאל יוצא זיין בשלום.

ומזה מובן אויך בנוגע לשני בני אהרן, אז בעצם איז דאס א ענין נעלה, און דער גאנצער חסרון איז געווען בלויז מצד דעם וואס זיי האבן דאס אליין ארויסגעקליבן און עס איז ניט געקומען מלמעלה, בשעת אבער דאס קומט מלמעלה, איז דאס א ענין נעלה, וכמבואר גודל ענין ההסתלקות, ובפרט אותם הנפטרים קודם זמנם, וואס קומט ניט מצד עונש וכו׳ וכו׳, נאר באופן שאינו מובן כלל וכלל, וואס דעמאלט איז אין

למעלה

למעלה הימנו, און אויף דעם שטייט יקר בעיני הוי׳ המותה לחסידיו, און עס איז יקר מכל יקר.

וער"ז איז אויך געווען ביים רשב"י, וואס ביי אים איז גע- ווען בחד קטירא אתקטרנא, אבער ביי אים איז דאס געווען מלמעלה. דאס איז טאקע געווען בשמחה וברצון, וואס דערפאר איז דאס אויך איצטער א יום שמחה וכו׳, דאס איז אבער געקומען מלמעלה.

און אזוי איז דאס כנ"ל בכל או"א אז נאר אויב עס קומט מלמעלה איז דאס א ענין נעלה, אבער ניט אויב מ׳נעמט אליין, און דאס איז אויך דער ענין פון ובחרת בחיים – שלכאורה ווי איז שייך אט דער ציווי ביי א צדיק, שאין לו יצה"ר כי הרגו בתענית וכו׳, נאר דאס איז כנ"ל, אז אעפ"י ביי אים קען זיין דער ענין פון כלות הנפש, בקרבתם לפני הוי׳ וכו׳, זאגט מען אבער אז עס דארף זיין ובחרת בחיים דוקא און ניט בקרבתם וגו׳ וימותו.

דאס איז אויך דער ענין פון אהבת ישראל, ואהבת לרעך כמוך, אז אעפ"י ער אליין מצד עצמו וואלט געקענט זיין אין א העכערע מדריגה, זאגט מען אבער אז די כוונה איז ער זאל זיך אראפלאזן און טאן מיט א זולת.

די הוראה מכל הנ"ל איז, אז עס דארף זיין דער והשב אל לבו, ווי מען דארף מייקר זיין יעדער טאג, יעדער שעה, ביז יעדער מינוט, ווען די נשמה געפינט זיך אין גוף. ווארום ס׳איז דאך מובן דער גודל העילוי פון "בקרבתם", ביז אז דאס איז נאך העכער פון תיבור השו"ע כנ"ל, תוקף האור דתוהו שלמעלה מתיקון. און אעפ"כ מאנט מען דעם ובחרת בחיים דוקא, איז דאך מובן דער גודל העילוי והיוקר פון יעדער רגע וואס די נשמה געפינט זיך אין גוף, ובמילא דארף מען דאך מייקר זיין כל רגע ורגע, אויסנוצן יעדער מינוט אין עבודה.

און דאס דארף זיין ווי עס איז מבואר בתורת שלום פון דעם רבי׳ן נ"ע און אויך פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז א איד בכלל און א חסיד בפרט דארף זיין א פנימי און ניט קיין חיצון, דארף אויך דער ענין זיין ביי אים בפנימיות, אז ניט ער זאל ווייזן בחיצוניותו אז ער וויל טאן מיט וועלט, און בעצם זאל ער וועלן אויסגייען פון וועלט, נאר בפנימיות דארף ער וועלן זיין דא למטה און מברר זיין וועלט. און אויף דעם דארף ער הארעווען מיט אלע כוחות, מיט די כוחות הגלויים און כוחות הנסתרים, ביז די כוחות עצמיים.

ובפרט בימים אלו, פאר ל"ג בעומר, וואס דאס איז דאך געווען ענינו של הרשב"י צו ממשיך זיין פנימיות התורה למטה דוקא, וואס אזוי איז דאך בזמן פאר משיח ג"כ, ווי ער האט געזאגט אז פאר משיח וועלן אפילו רביא לערנען פנימיות התורה פונקט ווי עס איז געווען בדורו, ביז אז עס קומט ארוים אין אן אופן פון יתפרנסון, שענין הפרנסה איז אז עס ווערט דם ובשר כבשרו, וואס בפנימיות התורה מיינט דאס אז עס וועט זיין אין אן אופן פון הבנה והשגה, שזהו ענין תורת חב"ד, אז עס קומט אראפ אין א פנימיות דוקא.

און פונקט ווי בל"ג בעומר האט דאך רשב"י גע׳פועל׳ט אז עס זאל זיין א יום שמחה, און ניט בלויז בנוגע לעצמו, נאר עס זאל אויך אראפקומען

אראפקומען לכל אחד ואחד, וכהסיפור מיט ר׳ אברהם הלוי, אז אעפ"י ער האט געזאגט תחנון - און ניט סתם תחנון נאר נחס - בשבתות ויו"ט, אבער בל"ג בעומר האט דער רשב"י ניט געוואלט ער זאל זאגן, מצד דעם וואס עס איז יום שמחתו. אזוי דארף אויך זיין די מעיינות פון פנימיות התורה, שנתגלו ע"י הרשב"י, אין אן אופן פון הפצה, ביז אין חוצה, לכל אחד ואחד.

וע"י עבודה זו פון טאן מיט וועלט און עבודת הפצת המעיינות וועט זיין לפועל וואס עס שטייט אין תפלת נחס, אז באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה כאמור ואני אהי׳ לכם חומת אש סביב וגו׳.

ג. מאמר כעין שיחה עה"פ כי תבואו גו׳ ונטעתם וגו׳.

ד. רש"י שטעלט זיך אויף "להוסיף לכם תבואתו" (יט,כה), - וואס אויף "ובשנה החמישית וגו׳" שטעלט ער זיך ניט, ווארום דאס איז מובן אין פשטות הכתובים און מ׳דארף אויף דעם קיין פירוש ניט, משא"כ אבער "להוסיף לכם תבואתו" פאדערט יא א פירוש, דעריבער איז ער מפרש - "המצוה הזאת שתשמרו תהי׳ להוסיף לכם תבואתו שבשכרה אני מברך לכם פירות הנטיעות, ר׳ עקיבא הי׳ אומר דברה תורה כנגד יצה"ר שלא יאמר אדם הרי ארבע שנים אני מצטער בו חנם לפיכך נאמר להוסיף לכם תבואתו". און דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "אני ה׳" און איז מפרש "אני ה׳ המבטיח על כך ונאמן לשמור הבטחתי".

דא אבער איז גלייך ניט פארשטאנדיק:

(א) לכאורה איז שוין פאראן כמה וכמה פעמים וואו די תורה שרייבט א שכר אויף א מצוה, ווי ביי כיבוד אב,וואו עס שטייט למען יאריכון ימיך וגו׳, און דארטן שטעלט זיך רש"י ניט אפ טייטשן וואס דאס מיינט, איז פארוואס דא דארף ער יא מפרש זיין, דאס איז דאך א ענין המובן בפשטות?

אט די שאלה איז בכללות הפירוש, דערנאך איז פאראן כמה וכמה שאלות בפרטיות דברי רש"י:

(ב) וואס איז די אריכות בדברי רש"י, המצוה הזאת שתשמרו וכו׳. ולכאורה האט ער נאר געדארפט זאגן בשכרה אני מברך לכם וכו׳, וואס איז די כללות האריכות בדברי רש"י?

(ג) לכאורה אין פסוק שטייט להוסיף לכם <u>תבואתו</u>, היינט פאר-וואס זאגט רש"י פירות, ואע"פ אז דאס מיינט טאקע אילנות, האט רש"י געדארפט זאגן אילנות אדער ווי עס שטייט אין ספרא אז דאס רעדט זיך וועגן כרם, האט ער געדארפט זאגן תבואת הכרם, אבער ניט פירות?

(ד) דערנאך איז רש"י מוסיף, הי׳ ר"ע אומר דברה תורה כנגד יצה"ר וכו׳. ולכאורה וואס איז דאס נוגע אין פשטות הכתובים, פארוואס איז ניט מספיק דאס וואס רש"י זאגט סתם אז דאס איז דער שכר וכו׳, ווי מען זעט ביי כיבוד אב אז רש"י זאגט ניט אין פשטות הכתובים אז דברה תורה כנגד יצה"ר, אז ער קען טענה׳ן אז ער ארבעט פארן טאטן בחנם וכו׳ - פארוואס דא דארף ער דאס יא זאגן?

(ה) דערנאך קומט די קשיא הידוע, פארוואס דארף דאס רש"י זאגן בשם ר׳ עקיבא, ווי גערעדט שוין כמה וכמה פעמים, אז רש"י

ברענגט



<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>